# גליון חיים נצחיים

א ליכטיגקייט און קלארקייט אין עבודת השם, פונעם קוואל פון הרה"ק **רבי נחמן מברסלב** זצוקללה"ה און זיינע הייליגע תלמידים זיעועכי"א

לע"נ חברינו היקר הבלתי נשכח מוהר"ר **אברהם** ע"ה במוהר"ר **משה דוד** הי"ו **געטץ** נלב"ע א' דראש השנה תשע"ט לפ"ק

גליון 07 | פרשת **בהעלותך** תשע"ט


# נישט נעמען קיין "פְּטוֹר"!

ארויסגענומען פון: משיבת נפש, אות נ'; ק"ה

**וואס איז געווען דער חרון–אף פונעם אייבערשטן אויף די "מתאוננים"? פון וואנעט נעמט זיך "יאוש"? ביז וועלכע לימיט דארף א מענטש זיין גרייט צו דינען דעם אייבערשטן?**

עס ליגט אויף אונז אלע א באפעל זיך צו שטעלן צום מיליטערישן דינסט! נישט ביי די פארשאלטענע ציונים, נאר אינעם אייבערשטנס ארמיי! יעדע איד וואס איז אראפגעקומען אויף דער וועלט, איז דא מיט די תפקיד צו דינען דעם אייבערשטן, און זיין שטענדיג קאמפס גרייט זיך צו שלאגן מיטן שונא, דער יצר הרע.

ברוך השם, אין יעדן דור זענען דא אידן וואס זוכן נישט קיין דריידלעך זיך ארויסצודרייען, און זיי מאבאליזירן זיך מיטן גאנצן פעסטקייט, טועונדיג וואס זיי האבן צוטון אָן קיין חשבונות, וואויל איז זיי - פון זיי וועלן מיר נישט דא יעצט שמועסן!

מיר וועלן רעדן מער פון די אנדערע סעקטעם: די וואס זוכן יא פארשידענע קונצן זיך ארויסצושלייכן פון מיליטער, נישט האבנדיג קיין עקסטערע חשק דערצו. יתכן אז זיי האבן מורא אז אינעם אייבערשטנס ארמיי וועלן זיי זיך שוין נישט קענען ערלויבן צו פילן אזא טעם אין א גוט שטיקל קוגל...

איבערהויפט ווערן זיי סענסיטיוו, ווען דא און דארט פלעגן זיי אמאל האבן א גוטע מינוט אין וואס זיי האבן זיך געוואלט נעמען צו ארבעטן אויף א געוויסע עבודה, אבער נאך אפאר מאל פרובירן און דורכפאלן, האבן זיי אפגעמאכט אז דאס איז נישט פאר מיר! מען דארף נאר טרעפן א גוטע וועג ארויס... ווייל, ווי-נישט-ווי, ווייסן זיי דאך אויך אז נאך א געוויסע אומבאוואוסטע צייט אפשניט וועלן זיי דארפן אפגעבן א פונקטליכע רעפארט, וואס פונקטליך זיי האבן דא אויפגעטון יעדע מינוט ווײַלנדיג אויף די וועלט, איז וואו געבט מען זיך אן עצה?!

איז געווענליך, וואס דער יצר הרע רעקאמענדירט אין אזא פאל, איז צו נוצן צווי מעטאדן: א 'דיחוי' אדער א 'פטור'! און לאמיר קלאָרער ווערן דערין: עס זענען פאראן אזעלכע סארט מענטשן וואס אינ'אמת'ן טיף אין הארץ ווייסן זיי אז דער עיקר תכלית איז נאר מקורב צו ווערן צום אייבערשטן און צו די צדיקים וואס האבן די כח אונז צו מקרב זיין צום רבוש"ע.

למעשה, היות עס קומט זיי אבער אן שווער, דרייען זיי זיך ארויס מיט פארשידענע ערליי תירוצים: איך בין צו פארנומען צו ברענגען פרנסה אין שטוב, אדער: מיין משפחה, קרייז - לאזט מיר נישט! דאס הייסט אין אנדערע ווערטער: דער מענטש בעצם אנערקענט אז ער איז מחוייב צו דינען אין מיליטער פונעם אייבערשטן, נאר ער פארמאגט פארשידענע 'דחויים' און אפהאלטונגען (- לויט זיין מיינונג...), וואס דעריבער שטופט ער אפ אויף דערווייל זיין מאבאליזירונג.

אט דאס איז נאך א האלבע צרה: וויבאלד טיף אין הארץ קען ער כאטש האפן, אז ער זאל נאך איין טאג אוועקלייגן אלע תירוצים און דינען דעם אייבערשטן אן קיין דיחוי און אן קיין שטער.

**און אזוי האט ער א גאנצע ליסטע פון תירוצים וואס דעריבער האלט ער, אז ער האט שוין א פטור אויפצוגעבן – מיט א באשטעטיגונג נאך אויך...**

דער עיקר פראבלעם איז: ווען די רעדע איז פון אזעלכע - וואס אמאל פלעגן זיי נאך עפעס הארעווען פאר'ן אייבערשטן, אבער זעענדיג וואו שווער עס קומט זיי אן - נישט האבנדיג מער קיין כח צו דארפן לעבן אין א שטענדיגע מלחמה מיטן יצר הרע, האבן זיי ארויסגענומען א 'פטור' צו רעזיגנירן פון 'עבודת השם'! זיי האבן זיך אפילו פארזארגט מיט גוטע אויסרידן, ווי: "איך בין נישט מסוגל דערצו ווייל איך האבן שוין צופיל מאל פרובירט און דורכגעפאלן; דער אייבערשטער פארלאנגט דאס נישט פון מיר; איך וועל ממילא נישט זיין אזויווי די אמאליגע צדיקים; איך קען שוין ממילא נישט תשובה טון", און אזוי ווייטער. אזעלכע מענטשן - ניטאמאל פארמאגן זיי ביי זיך די מינדעסטע געוויסנביסן אין זייער הארץ אויף זייער פאלשע לעבן, וואס הייסט? ער האט דאך א פטור... - אט דאס איז שוין געפאַרפול!

אין די פרשה פון די וואך געפונען מיר, די תורה זאגט: **"וַיְהִי הָעָם כְּמִתְאֹנְנִים"**, עס זענען געווען אזעלכע נידריגע עלעמענטן פון כלל ישראל, די 'ערב-רב', וואס האבן זיך מתאונן געווען אויפן אייבערשטן. זאגט רש"י, וואס באדייט דאס "מתאוננים"? **"מבקשים עלילה לפרוש מאחרי המקום"**! פשוט, זיי האבן געזוכט א אויסרייד זיך ארויסצודרייען פונעם אייבערשטן - אט דאס האט מעורר געווען די חרון-אף פונעם אייבערשטן אויף זיי.

אויב אבער א מענטש וועט נאר קוקן מיט א אמת'ע בליק,

המשך בעמוד ב'

## • מעט מן האור •

*ליקוטים מובחרים מתורתו של רביה"ק ותלמידיו בלשון קצרה ובסגנון קל, להחיות בהם נפש כל חי*

### פרשת השבוע

***וזה מעשה המנורה מקשה זהב, עד ירכה עד פרחה מקשה הוא** (במדבר, ח' ד').*

**המנורה** מרמז על ההתפארות מה שהשי"ת מתפאר בעמו בישראל, (כמו שאחז"ל (שבת כב): נר מערבי הוא עדות לכל באי עולם שהשכינה שורה בישראל) וכן כל הציורים הנפלאים שהיו במנורה: **גביעים, כפתורים, משוקדים, ופרחים** - מרמזין על כמה מיני גווני התפארות מה שהשי"ת מתפאר בישראל. וכל זה ע"י **מקשה** - לשון **עקשנות**, שצריכין להיות עז **וקשה** בעבודת השם (סי' מ"ח תניינא). וזה בחינת: **עד ירכה עד פרחה מקשה הוא**, כי עיקר התפארות השי"ת מכל עבודות איש הישראלי, הוא בהעזות והעקשנות שלו - מה שמפילין אותו בכל פעם והוא מתחזק עצמו, ואינו מניח להפיל עצמו בשום אופן!

*(לקוטי הלכות, ברכהמ"ז ד', אות י"ב)*

***למה נגרע** (במדבר ט' ז')*

כמו ששאלו אלו האנשים שהיו טמאים: **"למה נגרע להקריב את קרבן ה'?"**, כמו כן צריך כל אחד, אפילו אם יודע בעצמו טומאתו ממעשיו, לבוא ולשאול על נפשו: אע"פ שטימאתי את נפשי במעשי הרעים, אעפ"כ **למה אגרע להקריב קרבן ה'** - דהיינו **להתקרב** להשי"ת? (שהוא בחינת **קרבן**), הלא בוודאי גם לי יש תקוה! ואז כשלא מייאש עצמו מצעקה ותפילה, אזי בוודאי ממציא לו השי"ת תיקון ע"י הצדיק, במקום שהוא שם! אפילו שלא בזמנו, כמו שהודיע למשה רבינו תיקון הפסח שני:

*(לקוטי הלכות, ברכת הפירות, ה"ה, אות ט"ז)*

### פרקי אבות

***כל ישראל יש להם חלק לעוה"ב, שנאמר: ועמך כולם צדיקים** (סנהדרין, פ"י, מ"א)*

לכאורה תמוה מה שכתוב **ועמך כולם צדיקים**, כי הלא אנו רואין כמה מבני ישראל שאינם צדיקים, ימחול להם השי"ת?! אך באמת ישראל נקראים צדיקים על שם הצדיק האמת שמצדיק את כולם (ע"ש הפסוק: "ומצדיקי הרבים ככוכבים"). כי הוא מתייגע לחפש ולמצוא נקודות ושערות טובות בכל אחד מישראל, עד שע"ז מצדיק כולם, עד שנקראים כולם **"צדיקים"!** ובגודל כוחו יש לכל ישראל חלק לעוה"ב כפי התקרבותם אליו!

*(ליקוטי הלכות, נזיקין ה"ד, אות כ"א)*


יוצא לאור ע"י **אברכים דחסידי ברסלב** ברוקלין יצ"ו | להערות והארות, לתרומות והנצחות נא לפנות: 347.974.1220 | לקבלת הגליון באימעיל: Cn.Breslev@gmail.com

אז אויף יענע וועלט וועט אים נישט העלפן קיין שום באבסקע תירוצים, און ער וועט דארפן אפגעבן א פונקטליכע דין וחשבון אויף אלע זיינע מעשים - דאן וועט ער זיך אוודאי נישט זוכן קיין פטור און זיך דערקלערן "מיואש פון עבודת השם", הגם ער קען טאקע האבן א פולע זאק מיט גוטע תירוצים.

די אלע תירוצים נעמען זיך געוועינליך בלויז פון טראכטן קרום, וויבאלד דער מענטש איז פויל זיך צו שלאגן מיט זיינע שלעכטע תאוות דערפאר לוינט זיך אים ענדערש אויסצוקלייבן די מהלך און זאגן: "איך וואלט בעצם געוואלט תשובה טון, אבער וואס זאל איך טון אז דער יצר הרע לאזט מיר נישט", און אזוי האט ער א גאנצע ליסטע פון תירוצים וואס דעריבער האלט ער, אז ער האט שוין א פטור אויפצוגעבן - מיט א באשטעטיגונג נאך אויך...

דער הייליגער רבי האט שוין אבער אויסגעשריגן פאר צוויי הונדערט יאר צוריק מיט א שטימע וואס דונערט נאך ביז היינט צוטאגס: "געוואלד! זייט אייך נישט מייאש"! עס גייט אריבער אויף דיר שווערע נסיונות? זיי וויסן, אזוי גייט עס מיט יעדע אידיש קינד וואס וויל מקורב ווערן צום אייבערשטן! דאס איז דיין עיקר נסיון מיט וואס מען פרואווט דיר אויס אויף דער וועלט, נעמליך וויאזוי דו ביסט זיך מחזק אין יעדע סארט ירידה - שרעק זיך נאר נישט! גיי ווייטער אָן! סוף-כל-סוף וועסטו זיכער אנקומען!!!

נאכמער, דער הייליגער רבי נתן שרייבט: "א מענטש וואס האט נאר אביסל שכל אין קאפ דארף איינגיין צו דינען דעם אייבערשטן - אויף אזוי ווייט - אז אפילו ער וועט נישט האבן אנגעקומען מיט זיין גאנצע עבודה און הארעוואניע, בלויז אז דורכדעם וועט ער זיך האבן אפגעראטעוועט דורכאויס זיין גאנצע לעבן **איינמאל** פון **איין עבירה** אדער תאוה, פארדינענדיג "איין עבירה ווינציגער" אויפן וואגשאל פון זיינע עוונות פון וואס ער וואלט געהאט ווען ער וואלט נישט געהארעוועט און נישט געדאווענט - האט זיך אים דאס אויך געלוינט!!!"

וויבאלד, סוף-כל-סוף, בלייבט גארנישט איבער פון וואס דער מענטש האט אלץ מיטגעמאכט אויף דער וועלט, נאר דאס וואס ער האט צומאל זוכה געווען זיך צו ראטעווען פון עבירות און תאוות, און אריינכאפן דא און דארט עפעס מצוות און מעשים טובים.

צום שלום: א מענטש וואס וועט טאקע זיין שטענדיג פעסט ביי זיך אין יעדן פאל - איז אים רבי נתן הייס מבטיח - אז וואס ער וועט זוכה זיין אליינס צו פארריכטן מיט זיין תשובה שלימה - איז זיכער גוט! און וואס ער וועט נישט האבן עספיעט צו פארענדיגן און פארריכטן, קען ער זיין העכסט פארזיכערט אין די כח און זכות פון דעם גרויסן צדיק וואס קען אלעמען מתקן זיין!!! ווילאנג דער מענטש דרייט זיך נאר נישט ארויס מיט קיין פטור אדער דיחוי און איז זיך נישט מייאש פון האפן און בעטן שטענדיג צום אייבערשטן!

קראנטע ערציילונגען פונעם הייליגן רבי'ן און זיינע תלמידים:

# דער מערדער, דער בעל תשובה

דאס אונטערגאנג פונעם לעצטן רוסישן צאר האט נאכגעברענגט נאך זיך א פלייץ פון געוואלדטאטן און פארברעכעריי איבערן גאנצן לאנד. ווילדע גרופעס האבן זיך גרופירט און פרובירט מיט געוואלד און מאכט איינצונעמען די רוסישע רעגירונג אונטער זייער הענט, און אינאיינוועגס שטילן זייער דארשט נאך געלט און מארד.

דאס אומסטאביליטעט איבערן לאנד האט געברענגט נאך זיך מאסן מערדערישע באנדעס וועלכע זענען געווען אויסן צו שטילן זייער דארשט נאך געלט און געוועלטיגונג, און האבן זיך געמערט ווי שוואמען נאך א רעגן. די באנדעס זענען געווען ווילדע און צעיושעטע פויערן, און קיין שום זאך אין דער וועלט איז נישט געווען פאר זיי אן אפהאלט צו דערגרייכן זייערע צילן.

ווען ביים לעצטןביידל אין דארף, וועלכע איז געווען באוואקסן מיט די ווילדע געוויקסן פונעם דערנעבנדיגן וואלד, האט זיך באוויזן פון דערווייטנס א שווער באפאנצערטע 'באנדע' וועלכע נייגט אירע שווערע שטיוול מיטן ציל צום נעבעכדיגן דארף, האט זיך די שרעק-אנווארפנדע שמועה בליץ שנעל צושפרייט ביי קליין און גרויס, און א מאסן אויס-וואנדערונג האט זיך זאפארט אריענטירט, לויפנדיג מיטן נשמה אין די הענט זיך אויסצובאהאלטן פון די מאסן מערדער און זיך ראטעווען דאס לעבן. די איינוואוינער האבן זיך באהאלטן אונטער יעדעס שטיינדל וואס איז נאר געווען צום געפונען איבער די ארומיגע פעלדער און וועלדער, זיך בעטענדיג מיט צאפלנדיגע הערצער צום שיין פונעם לבנה אז זי זאל זיי פאר עטליכע מינוט פארשוינען און נישט שיינען אין זייער ריכטונג.

אט דאס איז שוין געווען אין מזל'דיגע פעלער - ווען די איינוואוינער האבן זיך געכאפט באצייטנס צו די גאלאפ פון אזא באנדע. אבער אין פילע אנדערע פעלער האט זיך דאס געענדיגט טראגיש, ווען די אומשולדיגע טירן פון פשוטע דארפסלייט זענען אויפגעפראלט געווארן, ווען שפיזיגע אייזענעס און פויערישע העק האבן זיך גענומען פלינדערן סיי וואס עס איז זיי געשטאנען אין וועג, אומברענגענדיג צענדליגע טויזנטער אומשולדיגע מענטשן. עס איז נישט געווען קיינער וועלכע זאל פראטעסטירן און אפהאלטן די בלוט-דארשטיגע מענטשן פון באגיין דאס ערגסטע, בלויז די דערנעבענדיגע הונט האבן געקענט בילן און קלאגן אויף די פארלוסט פון זייערע הארן.

ליידער האבן די דאזיגע באנדעס נאכגעשלעפט נאך זיך עטליכע אידן, ווי פארשטענדליך מער פון די שוואכערע סארט, וועלכע האבן אין זייער פארלוירנקייט און פאנאטישקייט איינגעזעהן אין די באנדעס די ישועה פונעם רוסישן פאלק. די דאזיגע אידן, וועלכע זענען אין מערסנטס פעהלער געווען ווייט פון סיי וואס עס האט געהערט צו אידישקייט, האבן זיך צוזאמגעשטעלט מיט די שוידערליכע באנדעס, און זיך איינגעגלידערט צווישן זיי, פארנעמענדיג א גלייכע טייל אין די אנגייענדע פאגראמען.

איינער פון זיי איז געווען משה צדוק'ס.

קאמוניזים האט צוביסלעך באוויזן איבערצונעמען קאנטראל איבערן לאנד און אנגעהויבן הערשן מיט א שטארקע און שטרענגע פויסט, ווען איינס פון זייער ערשטע צילן איז געווען צו ברענגען א ענדע צו די באנדעס און אויפשטענדלער וואס האבן איינגעזייעט כאאס און טויט איבערן לאנד אין די לעצטערע תקופה. די קאמונסיטן האבן אויסגעשטעלט א דעטאלירטע רשימה פון אלע וועלכע האבן אנטייל גענומען אדער ארויסגעהאלפן די באנדעס, און דראסטיש גענידערט זייערע נומערן דורכן אויסשיסן איינער נאכן צווייטן, אויפן רעזשים'ס שטייגער...

משה צדוק'ס איז געשטאנען פון די ערשטע אויף די 'געזוכטע ליסטע', זיינע שווארצע 'מעשים טובים' זענען געווען ברייט באקאנט ביי אלעמען, און זיין שרעקוועדיגע צורה אליין, האט שוין אלעס דערציילט איבער אים.

זעענדיג אז ער איז א פארלוירענער און אט אט וועט ער געכאפט ווערן - האט ער אנערקענט, אז זיין איינציגסטע אפציע איז זיך אויסצומישן מיט זיינע אריגינעלע אידישע ברודער, דארט האט ער געהאפט אז ער וועט פארשווינדן ווערן און די רוסן וועלן נישט טראכטן אין וויסטן חלום אז ער באהאלט זיך אויס צווישן די אידן.

משה צדוק'ס האט געוואנדערט פון איין ארט צום צווייטן, מורא האבנדיג פון זיין אייגענעם שאטן, איבערהויפט נאכדעם וואס זיינע אידישע ברודער זענען בכלל נישט געווען אזוי אנטוזיאסטיש איבערן גדאנק אז ער זאל זיך אויפהאלטן צווישן זיי. זיי האבן נאכנישט אזוי שנעל פארגעסן דאס אומשולדיגע פארגאסענע בלוט פון זייערע באקאנטע וועלכע זענען קאלט בלוטיג ערמארדעט געווארן דורך די באנדעס. און וואו ער איז נאר אנגעקומען האט מען אים גלייך פארטריבן.

איין טאג דערגרייכט ער די שטאט אומאן. 'אומאן' איז געווען א רעלאטיוו גרעסערע שטאט מיט א גרויסער אידישער אנוועזנהייט און פארשידענארטיגע קהילות און בתי מדרשים, דא האט ער געהאפט אז ער וועט זיך קענען גרינגערהייט איינגלידערן צווישן די אידן, און ענדליך קענען זיצן מיט א רואיגקייט אן מורא האבן פון די אינסטאנצן וועלכע זענען געווען אויסן אים צו ברענגען צו גערעכטיקייט, און פארמינערן די נומער פון רוסישע בירגער מיט איינס ווייניגער...

פאר א מינוט האט משה צדוק'ס נישט ממש געפלאנט זיך אומצוקערן צום רבונו של עולם און תשובה טוען אויף זיין פארגאנגענהייט, אבער ער האט זיך געוואלט קענען איינגלידערן אין איינס פון די אידישע קהילות און אזוי ארום פארשוואונדן ווערן פון די רוסישע ראדארן. אבער אויך דא אין אומאן האט אים זיין מזל נישט געשפילט, און ווי פארשטענדליך איז ער פארטריבן געווארן פון יעדע איינציגסטע ביהמ"ד אין שטאט באגלייט מיט שווערע בזיונות און דערנידערונגען.

ביז.... עס האט זיך דערנענטערט די טאג פון זיין טאטע'נס יארצייט - - -

(פארזעצונג אין קומענדיגן גליון אי"ה)

ואלו יעמדו על הברכה

מוה"ר **יצחק אלטר פיש** הי"ו
בארא פארק
**שתרם 2,500 גליונות**
לרגל שמחת הולדת נכדו
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר **מנחם דוד וועבער** הי"ו
קרית יואל
**שתרם 1,500 גליונות**
לרגל שמחת הולדת נישואי נכדתו אצל בנו ר' **אהרן צבי** הי"ו
ולרגל הולדת נכדתו אצל בנו ר' **חיים נחמן** הי"ו

ולע"נ הוריו היקרים: הר"ר **אהרן צבי** ב"ר **אפרים**
**חנה גיטל** בת הר"ר **משה אהרן**
ולע"נ הגה"צ **משה** בן הרה"צ **יוסף צבי**
אב"ד **מאקאווא** זצוק"ל, יום ההילולא י"ז סיון
ת.נ.צ.ב.ה.

מוה"ר **אהרן זיידנפעלד** הי"ו
לעיקוואד
**שתרם 1,000 גליונות**
לרגל שמחת הולדת בנו
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר **שלמה הענדלער** הי"ו
בית שמש
**שתרם 500 גליונות**
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

**התנצלות!**
אין די זוממער וואכן וואס א גרויסער עולם וויילט אויף די בערג, וועט דער גליון ערשיינען בלויז אויף 'בליץ פאסט'
- Cn.breslev@gmail.com -

**ספרי ברסלב** למכירה
כל ספרי ברסלב במחירים נוחים
מאנסי
**מרכז ספרים** | **בית הספרים** | **לשכת הסופר** | **כל בו ספרים**
**ביהמ"ד ברסלב** 70 Main st. 1845.826.5323